# שִׁירֵי עָם

(פָאָלקס לידער)

דְרייא נייעֶ לִידֶער צום זִינְגֶען מִיט מֶעלָאדִיעֶן

פון אליקים בדחן מווילנא

# ווילנא

שנת תרל"א לפ"ק

# ШИРЕЙ ОМЪ

т. е.

Народныя пѣсни изъ еврейскаго быта соч. Еліокума Цунзера.

ВИЛЬНА,
въ Типографіи А. и сына Ш. I. Дворжецовъ, на Вилейской улицѣ въ домѣ Горскаго № 31 1871 г.

Дозволено цензурою 5 Апрѣля
1871 г. Вильна

# מפתח

א) רחל מבכה על בניה.
ב) דער פוסטער פֿראנט.
ג) פון חדר זאגט מען ניט אויס.

פער קויפט אויף אייביג לה' אברהם הירש במו"ה יוסף
שווינצאנער מ"ס מווילנא

דֶער פּוֹסְטֶער פְּרַאנְט

גִיוַואַלְד ! וואוּ נֶעמְט מֶען גֶעלְט ! !

# רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ

כה אמר ה׳ קול ברמה נשמע נהי
בכי תמרורים רחל מבכה על־
בניה מאנה להנחם על־בניה
כי איננו : (ירמיה ל״א ט״ו)

## א

דִיא זוּן הָאט אָן גִיוִויזִין אִין מַעֲרָב זַייט
מִיט דִיא רוֹיטֶע פְלַאמֶען אַז זִיא נֶעמְט אָפּ שַׁייד
אוּנ דִיא נַאכְט מִיט אִיר פִינְצְטֶערְקַייט
הָאט אָן גִיטָאן דִיא עֶרְד אִין אַשְׁוַוארְצֶע קְלַייד
דִיא וֶועלְט מִיט אִירֶע לַייט שְׁוַוייגִין שְׁטוּם
דִיא נַאטוּר שְׁלָאפְט סַייא בֶּערְג סַייא טָאל
דִיא לְבָנָה גֵייט זִיךְ גַאנְץ שְׁטִיל אַרוּם
פוּן דִיא שְׁטֶערִין הֶערְט מֶען אוֹיךְ קַיין קוֹל

נָאר אַשְׁטִימֶע דִיא שְׁטִילְקַייט צוּא שְׁלָאגְט
אַקוֹל פוּן אַפְרוּי וויינְט אוּנ קְלָאגְט
מִיט דִיא פִּידִיל שְׁפִּילְט זִיא נָאךְ צִיא
אַטְרָאגֶעדִיעשֶׁע מֶעלָאדִיע
פוּן אִיר נִיגוּן פוּן אִיר גִיוַויין
קֶען דִיא כּוֹחוֹת אוֹיס גֵיין
אוּנ שְׁרַייט נֶעבַּאךְ פוּן אִיר גִיצֶעלְט
פַאר וָואגִילְט בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט

## ב

אַקוּרְצֶע צַייט הָאבּ אִיךְ נַחַת גִיהַאט
בְּשַׁעַת נָאט הָאט אַייךְ אִין אַייעֶר לַאנְד גִישְׁטִיצְט
דֶער מִזְבֵּחַ אִיז גִיוֶועֶן מִיט קָרְבָּנוֹת זַאט
דִיא כְּרוּבִים מִיט דִיא פְלִיגְלֶען הָאבִּין אַייךְ בַּשִׁיצְט
דָוִדְס קִינְדֶער אִין קְרוֹין גִיקְלֵייט
דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִין זַיין קָאסְטְיוּם
אוּנ דִיא סַנְהֶדְרִין וִויא אַגִיפְלַאנְצְטֶער בֵּייט
אוּנ דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ וִויא אַפְּרִילִינְגְס בְּלוּם
דְרַייא מָאל אִין יָאר אִין דֶער צַייט
גִיקוּמֶען פוּן נָאהֶענְט פוּן וַוייט
דֶער בְּרֵיינְגְט קָרְבָּנוֹת צוּם שְׁלַאבְט

אונ דֶער הָאט בִּיכּוּרִים גִיבְּרַאכְט
לוְיִם מִיט כֵּלִים גִישְׁפִּילְט
דֶער אִיר הָאט זִיךְ הֵיילִיג גִיפִּילְט.
דִיא גַאסִין מִיט פְרֵייליכְקֵייט זַאט
דַאן הָאב אִיךְ נַחַת גִיהַאט

## ג

אָבֶער צִיוֹן הָאט פַאר לָארִין אִיר פֶּערְגִינִיגִין
אִיר מַאיָאנְטִיק פַאר שְׁפִּילְט אִין קָאן
דֶער אָרְט בֵּית לֶחֶם וואו מַיינֶע בֵּיינֶער לִיגִין
גֵייט שׁוֹין אִין אֲבֵילוּת אָן גִיטָאן
דוּא בַּארְג לְבָנוֹן דוּא גוּטֶער פְרַיינְט
וָואסֶערֶע פִּים צוּא טְרֶעט דִיךְ הַיינְט
דוּא בַּארְג מוֹרִיָה דוּא הֵיילִיגֶער אָרְט
אַמַאחְמַאדַאנֶער מַאצֶעט שְׁטֵייט גָאר דָארְט
דִיא גַאסִין שְׁטֵייעֶן שׁוֹין פּוּסְט
דִיא וֶועגִין זַיינֶען פַאר וְוייסְט
אִין כַּרְמֶל קֵיין בְּלוּמֶען בְּלִיט
דִיא טוּרֶעמְס גְלַאנְצִין שׁוֹין נִיט
דִיא כֹּהֲנִים וָואשׁ הָאבִּין גִישְׁטִיצְט
דִיא נְבִיאִים וואו זֶע אִיךְ זֵייא אִיצְט

וואו איז אַייער קרוין אַייער רייך
וָואס איז היינט גיוָוארין פון אַייך

ד

איך קוק איצט אַף ירושָלַים בַיין מַעֲרָב וואנט
איך זע דָארטין מיינע קינדער וויא קוילין שוואַרץ
זיי שפּאַרין אָפּ דיא קָאפּ אַף דיא דאַרע הענט
אונ אָכצן נאָר אונ קְרעכצן . אַז עס פאַר קוועצט דָאס האַרץ
גיטָא אין ירושָלַים קיין בוים קיין שטיין
וָואס איז ניט גיוועזן נאַס . פון מיין קינדרס גיוויין
מיין קינד צוא דריקין איז אַקינדער שפּיל
וואו מי שיסט איז ער דער ציל
פון מָאלדאַווע הער איך אַגישריי
מיין קינד שרייט דָארט אוי וויי
פון אַראַבּיען שרייט ער ניט גוט
מי פאַר גיסט דארט וויא וואַשער זיין בלוט
פון אַזיען שרייט ער גְעבּאך שלעכט
דָארטין גפינט ער קיין רעכט
אין פּרס בּוויינט ער דיא ערד
דָארט טוט מען מיט זייא וויא מיט פערד

## ה

אין הימיל דיא טויזענדער שטערין
בּוויינען אַלע מיין קינדס אום גליק
דיא אַלע בּוימער גיסין טרערין,
דיא פֿייגלאך ענפּערין אויך צוריק
נאר דיא האַרץ פֿון דיינע פֿיינד איז פֿאר שטיינט
דער אום גליק האט זיי דאס האַרץ פֿאר שפּאַרט
דער קרוקעדעל דער אַכזר טרעפּט אויך ער וויינט
נאר דיינע שונאימס האַרץ איז וויא אייזן האַרט
אַח גאט ענפּער שוין מיר
זאג שוין פֿיל איז דער שיעור
צוא ליידן אַדאר נאך אַדאר
אין צרות צוויא טויזנד יאר
איר שטערין זאגט מיר אויב איר ווייסט
איז דען אייביג פֿאר לאַרין מיין טרייסט
אוי ניין, איך שפּיר נאך איך שפּיר
אַח גאט ענפּער שוין מיר

# קוֹל מִמְּרוֹמִים

כה אמר ה׳ מנעי קולך מבכי
ועיניך מדמעה כי יש שכר לפעולתך
נאום־ה׳ (ירמיה ל״א ט״ז)

## א

צִיא דוּא מַיין טָאכְטֶער טוּסְט עֶס בְּרוּמֶען
דִיא אוֹיגִין אִיז דִיר פוּל
דַיינֶע טְרֶערִין אִיז גִיקוּמֶען
צוּא מַיין הִימִיל שְׁטוּל

## ב

גִינוּג צוּא לָאזְן טְרֶערִין רִינֶען
הֶער שׁוֹין אוֹיף דַיין לִיד
אִין יַם קֶען מֶען אַגְרוּנְד גִיפִינֶען
צוּא דַיין טְרוֹיעֶר נִיט

ג

דיין קינדס צרות צוא בשרייבין
קלעקט ניט קיין פאפיר
ווען אלע טייכין טרערין בלייבין
האט עס אויך קיין שיר

ד

מאך מיין טאכטער מיר ניט שולדיג
אף דיא צרות וואס ער האט
מי דארף זיין רואיג אונ גידולדיג
אונ האפין צוא גאט

ה

זאג דיא קינדער אין מיין נאמען
הערט אויף אייער קלאג
טרייסט דיין יוסף אונ בנימין
מיט דאש וואש איך דיר זאג

ו

אף מיין וועלט איז דא אפילע אומות
לעבין זיך גאנץ גרינג
נאר פילע לעבין נאך וויא בהמות
גלויבין אין אלץ דינג

ז

דֶער דִינְט צוּא וַואשֶׁער דֶער צוּא פַּייֶער
גֶעטֶער פוּל דִיא שְׁטָאט
בַּייא דֶעם אִיז נָאר אַאֵייזִיל טַייֶער
ווייל דָאס אִיז זַיין גָאט

ח

אוּנ זֵייא גִיבִּין גָאט אַקָרְבָּן
שֶׁעכְטִין מֶענְשִׁין פִּיל
טוֹיזִינְדֶער זַיינֶען צוּא שְׁטָארְבִּין
דוּרְךְ דִיא דוּהְמֶע שְׁפִּיל

ט

זֶע אִין אִינְדִיֶען בַּייא דִיא הֵיידִין
זַייֶער פַייֶער טָאג
וֶועט דָאס דִיר אַמָשָׁל קְלֵיידִין
טְרֵייסְטוּנְג צוּא דַיין קְלָאג

י

אַז מִי שְׁלֶעפְּט אַוֶואגִין מִיט גִירִידֶער
מִיט רֶעדֶער אַפִּין גַאס
מֶענְשִׁין לֵייגִין זִיךְ אַנִידֶער

יא

הַאלְטִין גָאט פַאר אַשְׁלֶעכְטִין
בְּלוּט פַאר לַאנְגְט נָאר גָאט
שׁוּטִים מֵיינֶען אַז מֶענְשִׁין שֶׁעכְטִין
אִיז דָאס מַיין גִיבָּאט

יב

נָאר דֶער אִיד לֶעבְּט מִיט קְדוּשָׁה
זַיין גְלוֹיבִּין קוּקְט נָאר צִיא
עֶר גְלוֹיבְּט אִין גָאט אִין תּוֹרַת מֹשֶׁה
נִיט מִיטָעלָאגִיא

יג

אִין אַלֶע וֶועלְטִין אִיז גָאט אֵיינֶער
נִיט יוּפִּיטֶער נִיט מֶערְקוּר
זַיין קָרְבָּן אִיז אַגִיפִּיל אַרֵיינֶער
זַיין בֵּית הַמִּקְדָשׁ דִיא נַאטוּר

יד

וִויא דִיא זוּן בְּלַייכְט וִויפִּיל שְׁטֶערִין
אַזוֹי אִיז זַיין רֶעלִיגְיָאן
וֶוער עֶס וִויל אַטֶעאָלָאג וֶוערִין

## טו

זַיין גְלויבֶּין בְּלַייבְּט אֵייבִּיג דוּיֶער
פִּיל דִיא וֶועלְט וֶועט שְׁטֵיין
וַוייל עֶר הָאט גִיבּויט זַיין מוּיֶער
פוּן נַאטוּר אַלֵיין

## טז

עֶר זָאגְט אַז דָאס אִיז גָאט גִיפֶּעלְן
דָאס נָאר אִיז זַיין פְּלַאן
טוּא קֵיין שְׁלֶעכְץ נִיט דַיין גִיזֶעלִי
אוּנ שְׁטִיץ דָעם אָרוּמַאן

## יז

פְּרֶעגְ זָאלָאן אוּנ פִּיטַאגָארוּס
וָואס זֵייא הָאבִּין עֶרְקְלֶערְט
אָן אַגְלויבִּין לַייט מֶען צָרוֹת
וֶוער דָעם הוּילְן שְׁבִל הֶערְט

## יח

אַהוּילֶער קְלֶערִין טוּט קֵין טוֹבָה
דֶער מֶענְשׁ וֶוערְט נִיךְ גִיטְיוּט
עֶר שְׁטֶעלְט נָאךְ זִיךְ אַמַצֵבָה
לֶעבֶּעדִיגֶער הֵייט —

יט

אֶמוּנָה אִיז אַשֵׁיינֶע צִירוּנְג
פַאר דֶעם וָואשׂ אִיז גֶיזוּנְד
אֶמוּנָה אִיז אַלַייבְּטֶע שְׁמִירוּנְג
צוּא דִיא גְרֶעסְטֶע ווּאוּנְד.

כ

מִי דַארְף נָאר וִויסִין דֶעם אַפְּטֵייקֶער
וואוּ צוּא קוֹיפִּין דָאס —
דֶען עֶס טְרֶעפְט דִי דִינֶר זַיינֶען פְּלֶעקֶר
פַאר שְׁטֵייעֶן נִיט דֶעם בַּעַל הַבָּיִת.

כא

אֶמוּנָה אִיז דִיא הַאֶרֶץ מְטַהֵר
פוּן שְׁווִינְדֶל פוּן אַבְּמַאן
אֶמוּנָה אִיז אַפְרַיינְד אַטְרַייעֶר
פַאר דֶעם קְרַאנְקֶען מַאן

כב

אֶמוּנָה אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער גִבּוֹר
בִּשְׁעַת דֶער לֶעבִּין פֶּעלְט
אֶמוּנָה טְרָאגְט אִים גַאנְץ לַייכְט אִיבֶּער
אַהִין אַף יֶענֶער וֶועלְט

כג

אֱמוּנָה אִיז דֶער הֵיילִיגֶער טֶעמְפִּיל
אִין דֶעם מֶענְשִׁינְס הַארְץ
רַחֲמָנוּת צִינְט דָארְט אָן דֶעם לֶעמְפִּיל
צְדָקָה גִיט דָארְט הַארְץ

כד

אָט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאט אִיר אִידְן
שׁוֹין דְרַייא טוֹיזִינְד יָאר
אִיר קֶענְט מִיט אִים זַיין גָאנְץ צוּ פְּרִידְן
הֵיילִיג הַאלְט אִים נָאר

כה

דָארְט וֶועט שׁוֹין דַיין פַיינְט נִיט קוּמֶן
פַּאר בְּרֶענֶען אִים אַף קוֹיל
וֶוען בַּיי זִיךְ הָאסְטוּ דַיין צוּנְג דַיין גוּמֶן
דַיין רַעֲיוֹן אוּנ דַיין מוֹיל

כו

אוֹיבּ דֶער שׂוֹנֵא לַייגְט אוֹיף דִיר אַשְׁטֶעמְפִּיל
פוּן זַיין בִּיקְס דִיא שְׁרָאט
לוֹיף אַרַיין אִין הַארְצִין צוּא זִיךְ אִין טֶעמְפִּיל
בְּלַייבְּסְטוּ בַּיי דַיין גָאט

## כז

דְרוּם מַיין קִינְד הֶער אוֹיף צוּ קְלָאגִין
מֶען מוּז גִידוּלְדִיג זַיין
צוּם עֶנְדֶע נַאכְט וֶועט דִיר אוֹים טָאגִין
וֶועסְט נָאךְ זֶעהֶען דִיא שַׁיין

## כח

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ פַר זָאגְט דִי פְּרָאפֶּעטִין
וְוילְט אִיר נִיט גֵיין צוּ שְׁטָרַאנְד
זָאלְט אִיר נָאר גָאט פַאר'ן קֵייזֶר בֶּעטִין
אוּנ פַאר דִיא פְּרִיד פוּן לַאנְד

## כט

וֶוען נָאר פְרִיד אִיז בַּייא אַייךְ פְּרַאנֶען
דַאמָאלְס מַיין הַארְץ קֶוועלְט
זַייט נָאר טְרַייֶע אוּנְטֶער טַאנֶען
אוּנ נוּצִיג פַאר דֶער וֶועלְט

## ל

אוּנ מִיט דִי פֶּעלְקֶר לֶעבְּט אִין פְּרִידִין
רַייכְט זַייא טְרַייא דָאס הַאנְט
אִין שׁוּל בַּייא מִיר זַייט אַייךְ אִידִין
אוּנ מֶעגְנְצִין פַאר דֶער לַאנְד

## לא

דִיא זוּן וֶועט וַוארֶעמֶען צָפוּן קַאנְט
בְּלוּמֶען וַואקְסִין שׁוֹין
דוּא וֶועסְט נָאךְ זַיין אַבּוּרְלַאנְט
אִין דֶעם קֶעניגְס קְרוֹין

## לב

מִי וֶועט דִיר נָאךְ זֶעצִין אוֹיבִּין
אִין אַשֵׁיין גִיצֶעלְט
מִי וֶועט דֶער קָאנֶען דַיין רֵיין גְלוֹיבִּין
אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט

## לג

נָאר צֵייל דִיא טֶעג צֵייל דִי יָארִין
דֶער קְוַואל גֵייט נָאךְ נִיט אוֹיס
דוּרְךְ זֵייא בִּיזְטוּ גַאנְץ קְלֵיין גִיוָוארְן
דוּרְךְ זֵייא וֶועסְטוּ זַיין גְרוֹיס

## ע נ ד ע

# דֶער פּוּסְטֶער פְּרַאָנְט

א

אִיךְ בִּין זִיךְ מִיר אַפְּרַאָנְט
פוּן דֶער נַייֶער וועֶעלְט
מִיט הַאנְדְשׁוּה אַפִּין הַאנְט
דָאס הֶערְצֶעלֶע אוֹיס גִישְׁטֶעלְט
אַרֶעקֶעלֶע וִויא אַשְׂרָרֶה
מִיט גוּמֶענֶע קַאלָאסִין
דָאס אִיז נָאר דִיא צָרָה
וואו נֶעמְט מֶען דָאךְ דֶעם גְרָאסִין

ב

דִיא הֶערְלַאךְ צוּא פַּאר קַאמֶען
עֶס בְּלִישְׁצֶעט עֶס פַּאר בְּלֶענְט
אִיךְ גִיפֶּעל מִיר אַלֶע דַאמֶען

מיט מיין קאמפּלימענט
אמניסקעלע אקלארע
אקעלנעריל וויא אחתן
דאס איז נאר דיא צרה
וואו נעמט מען פארט דעם גראסין

ג

איך מאך דאמען אוויזיט
וועלכע האבין ניט קיין מאנען
איך רייד מיר אין דער מיט
פון ליבעס פון ראמאנען
איך דער מאן זיי געטהא שיללער
האץ איך האב אין דעם קיין דיעה
דאס איז נאר דער פעלער
וואו נעמט מען דיא מטבע

ד

מיין פאפיראס איז אויך אשפיציל
דאס נאר איך אפּ דיא קיסקע
אז דיא העמד איז ניטא אפיציל
פאר שטעלט דאס דיא מניסקע
אז דיא שטיוויל איז צו פליקט

פַּאר שְׁטֶעלְט עֶס דיא קאלָאסִין
עֶס וָואלְט מִיר גַאנְץ גוּט גִיגְלִיקְט
דִיא צָרָה אִיז פָּארְט דֶער גְרָאסִין

ה

וִויגִין זִיךְ הָאט אַמָעלֶה
אָבֶּער אַחְסָרוֹן אִין דֶער מִיט
אַז מִי ווִיגְט זִיךְ דוּרְךְ אַווַיילֶע
בַּאקוּמְט מֶען אַפֶּעטִיט
אִיךְ וָואלְט אַמִיטִיל קְרִיגִין
דֶעם הוּנְגֶער צוּא פַאר שְׁלָאגִין
וֶוען נִיט וָואס טוֹיג דֶער וִויגִין
אַז דָא אִיז פּוּסְט דֶער מָאגִין

ו

וָואלְט אִיךְ נָאר הָאבִּין גֶעלְט
וָואלְט אִיךְ מִיר לֶעבִּין אַפְּרַאכְט
אִיךְ וָואלְט נִיט דַארְפִין לַיידִין קֶעלְט
אוּנ הוּנְגֶערִין טָאג אוּנ נַאכְט
אִיךְ וָואלְט לֶעבִּין וִויא אַשְׂרָרָה
אוּנ אַלְדָאס גוּטְץ גִינָאסִין

דָאס אִיז נָאר דִיא צָרָה
וָואס אִיז נִיטָא אַגְרָאסִין

ז

אִיךְ וָואלְט גִיוָוארִין אַמַאן
פוּן אַשֵׁיינֶעם פְרוֹיא
זִיא זָאל שְׁפִּילִין פָּארְטֶעפְּיַאן
אוּנ זָאגִין בָּאן זוּר מָאסְיוּ
אִיךְ וָואלְט אִיר רוּפִין פְלָארֶע
דֶער וַוארֶער נָאמֶען פַאר שְׁטֶעלְט
דָאס אִיז נָאר דִיא צָרָה
גְוַואלְד וואוּ נֶעמְט מֶען גֶעלְט

ח

אַדִירָה הָאבּ אִיךְ גִיוָואלְט
צוּא ווָאוינֶען אִין גִיפּוּצְטֶע זַאלִין
אַף פֶּעטֶערְבּוּרג גִימָאלְט
אוֹי בִּין אִיךְ אַבַּאלִין
אַפִּין פֶּענְצְטֶער אַגַארְדִין
בְּרָאנֶזֶעטֶקְעס אוֹיךְ גִיגָאסִין
אָט דָאס אִיז דֶער גְזַר דִין
וָואס אִיז נִיטָא אַגְרָאסִין

ט

אין אַטייערין עקיפּאז
וואלט איך פארין אין טעאַטער
און זיצין אין בעל אַטאז
לעבין גובער נאַטאר
איך וואלט האלטין אַלאַרגעט
באַטראַכטין שיינע דאמען
דאס איז נאר דער חטא
וויא קלייבט מען געלט צוא זאַמען

י

אין אַקע וואלט איך גישפּילט
סטווקע ארובּיל גישטעלט
און אַז אַקערטיל גילט
איז צוואַנציג ניט־קיין געלט
נארוסין וואלט טרעפין פּעק
אַמאל נאך אויך פיר קעניג
נאר וואס האַרגעט מיך אַוועק
וואס איך האב נאך ניט אַפּעניג

## יא

אַף מַאסְקְרַאדִין וָואלְט איך גְלַאנְצִין
מִיט הַאנְדְשׁוּה מִיט אַפְּרַאק
מִיט דַאמֶען וָואלְט איך טַאנְצִין
קַאדְרִיל אונ קָארֶקְעווְיַאק
אִיךְ וָואלְט לויפִין גְרִיצְג אִין רַעַשׁ
אִיךְ וָואלְט וַוייזִין מַיין הַשְׁלָמָה
נָאר עס איז נִיטָא אין טַאשׁ
אַגְרָאסִין בַּייא דֶער נְשָׁמָה

## ע נ ד ע

# פוּן חֵדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוֹיס

## ערשטער טייל

### א

װֶען אִיךְ בִּין אַלֶעס קִינְד אִין חֵדֶר גִיגַאנְגֶען
אִיךְ הָאבּ בַּאטְרַאכְט דֶעם רֶבִּין זַיין קַאנְצִיק מִיט זַיין טוֹבֶה
דִיא כָּשֶׁרֶה רֶבֶּצִין מִיטִין פַּארְטוּךְ פַאר הַאנְגֶען
דֶעם לִיבִּין בֶּהֶעלְפֶער דֶעם זוֹלֵל וְסוֹבֵא
דִיא רֶבֶּצִין פְלֶעגְט הֵייסִין װַאסֶער אוּנְז טְרָאגִין
דֶער בֶּהֶעלְפֶער מִיט דִיא מִיטָאגְס הָאט יַחְדָו גִימַאכְט
דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פַּאצִין שְׁמַייסִין אוּנ שְׁלָאגִין
דֶער צוּא נָאךְ פַאר זָאגִין אַהוֹדָעה פַאר נַאכְט
קִינְדֶער וָואס גִיהֶערְט וָואס גִיזֶעהָען
גִידֵיינְקְט אִיךְ לָאז אַייךְ אִיצְט לוֹיז
דִיא מַאמָע וֶועט פְרֶעגִין וָואס וֶוען
פוּן חֵדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוֹיס

ב

מיט דיא זעלבּע מורא . בּין איך אויס גיוואקסין
איך האב ערסט דער זעהען אז די וועלט איז דער הדר
אונזער רבּי איז דיא צייט דער עקשן
פון זיין קאנציק ציטערט אלע גלידער
היינט נארט אויס איינער דעם אנדערינס ביסין
פּראסט אז מי רייסט שוין מיט גוואלד פון מויל
דער שטילער דער ערליכער ווערט אויס גיריסין
רציחות אונ עולות אז עס נעמט אן אנרויל
נאר דיא צייט האט מיר באלד ערקלערט
אז איך בין נאך פון חדר ניט ארויס
ברודער וואס גיזעהען וואס גיהערט
פון חדר זאגט מען ניט אויס

ג

איך ווייס אז דער איד האט זיין עהרע פאר לארין
לאזט זיך רייסין דיא פּאות . נאר אקערביל דער פאר
צייט ער איז אין פולין פאר טריבּין גיווארין
ביין משוגענעם פּריץ צוא זיין ארענדאר
ער רופט דעם אידין זיד פארחאטי
אונ ער רופט עם פאנאציק אונ קוסט אים דיא האנט

אונ אַלֶע שְׁרַייֶען נָאךְ אַז יַאנֶקעל פּוּסְקַאטֶע
איז אַתְקִיף בַּיין פְּרִיץ אַפְּלִיגִיל אַדְיוּטַאנְט
אונ דֶער פְּרִיץ וַוארְפְּט אִים צוּא דֶער עֶרְד
זַיין בֶּערְדִיל צוּפְּט עֶר אִים אויס
אִיךְ הָאבּ נָאךְ מֶערֶער גִיזֶעהֶען אונ גִיהֶערְט
נָאר פוּן הֶדֶר זָאגְט מֶען נִיט אויס

ד

אָט דֶער זֶעלְבִּיגֶער איד וָואס לֶעבְּט אִין סַכָּנָה
אַז דֶער פְּרִיץ זָאגְט אִים וָואן . הָאט עֶר שׁוין אַזְכִיָה
קוּמְט עֶר אָבֶּער אִין שׁוּל . אִיז עֶר אַאַתָּה בְּהַרְתָּנוּ
אונ חֲמִישִׁי אִיז פַּאר עֶם שׁוין אַקְלֵיינֶע עֲלִיָה
צוּא עֲלִיוֹת . צוּא הַקָפוֹת . צוּא אַתָּה הָרְאֵתָ
דָא וֶוערְט שׁוין כָּבוֹד גִיוואוּיגִין אַפִּין שָׁאל
חוּל הַמוֹעֵד צוּם קְלָפִּי פַאר אַגַבַּאי מֵהֵכִי תֵּיתָא
וֶוען נִיט אִיז זְלְזוּלִים אִין שׁוּל אַפִּין קָאל
דֶער שִׁילְט דֶער זִידֶעלְט דֶער שְׁוֶוערְט
דֶער שְׁרַייט אִין שׁוּל מַמְזֶר אַרוֹיס
אִיךְ הָאבּ נָאךְ מֶערֶער גִיזֶעהֶען אונ גִיהֶערְט
נָאר פוּן הֶדֶר זָאגְט מֶען נִיט אויס

ה

אַז איך גיב אַקוק אַף דיא אידעשע קְרָאמֶען
פְּלַאצְט מיר מַיין גַאל . איך הַאלְט ,עס נִיט אויס
זֶעצין אָן קְרֶעמֶערְקֶעס ,עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן
אונ אַלֶע פָאר נוּמֶערָאם פוּן קְלֵיין בּיז גְרוֹיס
גֵייט דוּרך אַמֶענְש וֶוערט לַארֶעם אונ יְלָלוֹת
אונ דְרַאקֶעס אַז פְלֵיעֶן פַייֶער טֶעפּ אין ,קאפּ
עֶס רוֹיסְט דִיא גַאס פוּן קוֹלוֹת מִיט ,קְלָלוֹת
בִּיז מִי רַייסְט דֶעם סוֹחֵר דֶעם אַרְבִּיל אַרָאפּ
וָואס ,קֶען הָאבִּין דֶער איד פַאר, אַוֶוערְט
אַז זַיין הַאנְדִיל זֶייט אַזוֹי אוֹיס
איך הָאבּ נָאך מֶערֶער גִיזֶעהֶען אונ גִיהֶערְט
נָאר פוּן הָדָר זָאגְט מֶען נִיט אוֹיס .

ו

איך וַויים גַאנְץ גוּט . אַז דֶער איד הָאט ,עֲרָכוֹת
מֶער פַאר יֶעדֶער נַאצִיאָן אין דֶער וֶועלְט
ער צָאלְט פוּן פְלֵייש . פוּן מַצָה . פוּן לִיכְט פוּן בְּרָכוֹת
עֶר ,עֶסְט נִיט . ,עֶר טְרִינְקְט נִיט . אונ ,עס קָאסְט רַק גֶעלְט
דֶער קְרִיסְט הָאט דָאך אויך שְׁפִּיטֶעלֶער פְּרִיוּטִין
,עֶר הָאט אַבָּאגוּדֶעלְנֶע . אונ אַפַּארְקַאן אַרוּם זַיין פֶּעלְד

עֶר הָאט אויךְ לֶעהְרֶע שׁוּלֶען . עֶר גִיט אויךְ רֶעקְרוּטִין
אוּנ צָאלְט קיין קָארָאפְּקֶע אוּנ נִיט קיין קְבוּרָה גֶעלְט
אוּנ דֶער אִיד אִיז מִיט לַאסְטִין בַּאשְׁוֶוערְט
אֵייבִּיג צָאלְט עֶר זִיךְ נִיט אוים
אִיךְ הָאבּ נָאךְ מֶערֶער גִיזֶעהֶען אוּנ גִיהֶערְט
נָאר פוּן הֶדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוים

ז

אִיךְ וֵוייס גַאנְץ גוּט . אַז פִּילֶע מֶענְטְשִׁין
הַאלְטִין טֶערְמִין צוּא לִיבּ קָאנְטֶע אַף וַוייטֶער
דֶער הַאלְטִין דִיא רַאטֶע . אִיז דַוְקָא מִיט קוּנְצִין
דֶען הַיינְטִיגֶע וֶועלְט . אִיז גוּט וָואס גִישַׁייטֶער
בַּאקוּמְט נָאר אֵיינֶעם אַוִויץ שְׁטָאק אַפְּרַייֶער
מַאכְט מֶען אִים צִיכְטִיג אַז עֶס קְרֵייט נִיט קיין הָאן
חָאץ יֶענֶעם קוּמְט אוּים צוּא גֵיין הָאץ אִין פַייֶער
וָואס אַרְט דָם וֶועמֶען וָואס גֵייט דָאס דֶערָאן
דְרוּם אִיז קְרִידִיטוּנְג גִישְׁטֶערְט
אַז מִיא גִיט פְּרָאסְט פוּן הַאנְט נִיט אַרוּיס
אִיךְ הָאבּ נָאךְ מֶערֶער גִיזֶעהֶען אוּנ גִיהֶערְט
נָאר פוּן הֶדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוים

## ח

איך ווייס אז דער איד טוט פאר קערט גאר
וויא דיא גמרא האט גיגעבין אין לערנען דעם סדר
גיט צוא פופצין נאר צוא זיבין יאהר
לערינט ער תלמוד אין זיין פאר שפארטין חדר
אז ער קען נאך ניט דיא וועלט. מיט אירע רמאות
צוא דיני ממונות איז ער נאך אקינד
אז ער ווייס ניט וואס בטייט גאר דיא ווייבערשע המצאות
אונ צום סדר פון נשים איז ער נאך גאר בלינד
אונ דא איז דיא עברי גישטערט
אווארט ריין גייט ניט ארויס
איך האב מערער גיזעהען אונ גיהערט
נאר פון חדר זאגט מען ניט אוים

## ט

מי ווארט נאר דער אינגיל זאל דרייצין יאר ווערין
באווייזט זיך שוין אין חדר אמחותנס אאיד
אין אשלומפער מיט ארבול ארויטין נאז מיט אשטערין
בער געלינקער אינגעלע ציטערט גליד פאר גליד
באלד ווערט אלארעם. פראסט ביז אדראקע

דער איך מיט דעם רבין . אונ דער אינגעל דער שאפעט
דיא מוטער קוועלט . פון דיא רייד דיא געשמאקע
אונ צום סוף באקומט ער . אין בעקעלע אגלעט
מיא זעט אז דיא כלה איז בשערט
מזל טוב שרייט מען שון אוים
איך האב נאך דארטין מערער געהערט
נאר פון חדר זאגט מען ניט אויס

ו

מיא הולעט אחתונה . מיא פאר געסט אן שמערצין
אז דער זיווג איז גלייך . דאס זעט מען בחוש
ער קוים בר מצוה . זיא אאר פערצין
זייא קענען גיין שפאצירין אונטערין טיש
מיא עסט הארטע קעז . מזל טוב אין גאנצין
ווייבערלאך פאצט ! איר האט נחת דער לעבט
ביידע מחותנעסטעס אשעמעלע טאנצין
דעם חתן אהאמעט . איז דער בעשטער רעצעפט
אונ איך שטייא פון וייטין . מיר גרוילט
ווי די דומהייט בייא אידין איז גרויס
פון . . . . . וואלט איך נאך דער ציילט
נאר פון חדר זאגט מען ניט אויס

יא

ווען מיר שיינט מיין גליק . האב איך אבונענטין
איך האב שוין קרובים . וואס פריינדלען זיך גאנץ פעסט
מיא קומט מיט חניפות . מיט פאלשע קאמפלימענטין
אשבת איום טוב . האב איך שוין פול געסט
איך גידיינק ווען איך בין איתום גיבליבין
בין איך גיוועזן עלינד . קיין גואל קיין פריינד
אח איר מענטשין ! איר זייט וויא פליגין
איר קומט צו פליען ווען דיא זון מיר שיינט
אונ ווען מיין רעדיל ווערט איבער גיקערט
אנטלויפט מען פון קליין ביז גרויס
איך האב מערער גיזעהען אונ גיהערט
נאר פון הדר זאגט מען ניט אויס .

יב

הכלל אין וועלט הדר זעט מען זיך אן
אנרויסין זוואריגעץ מיט אלערלייא חיות
אטיגער אפוקס — אווילדער האן —
אאבוזאנע אין אקאפעלום . מיט אירע הויות
אייזלען אונ פערד — וועלף אונ בערין —
גיפטיגע שלאנגען — קעץ אונ מייז —

שְׁלַאפִינְקְע שֶׁעפְּשֶׁעלַאךְ . וָואס לָאזִין זִיךְ שֶׁערִין
אוּנ אָפְּטֶער צוּא זַיין פַאר דִיא חַיוֹת אַשְׁפַּייז —
דֶער בְּרוּמט . דֶער טַאנְצְט . דֶער יָאגְט .
דֶעם דְרִיקְט מֶען דִיא נְשָׁמָה אַרוֹים —
דֶעם נִמְשָׁל — וָואלְט אִיךְ נָאךְ גִיזָאגְט
נָאר פוּן חֶדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוֹים :

## ע נ ד ע.

(פאר זעצונג וועט קומען אין דער צווייטער טייל)

---

## א ז ה ר ה

איך בין מזהיר ומודיע אלע מדפיסים אונ מוכרי ספרים ,הן אין ווילנא אדער ווארשא אדער נאך אנדערע שטעט אז מי זאל זיך גיט דער וועגין עובר צו זיין על דת התורה ועל חוקי הממשלה אונ איבער צו דרוקין מיין ווערקיל „שירי עם" אן מיין ידיעת · דען איך וועל מיר גיוויס ניט פוילין צו פארין אין דעם ארט וואו דיא עולה וועט גישעהען אונ יענער וועט גיוויס בעשטראפט ווערין כפי הזאקאן .

המחבר